NYC Health

Citywide Immunization Registry
We help you call the shots!

**העלט קעיר פּראָווידערס קענען דאקומענטירן פּרייוויליגע צושטימונג וואס איז געגעבן געווארן בעל פה אדער קענען זיי צופאסן די ביישפּיל בויגן פאר זייער באנוץ.**

## צושטימונג פאר באטייליגונג אין סיטי-ברייטע אימוניזאציע רעגיסטראטור (CIR) פאר מענטשן פון 19 יאר און עלטער

די ניו יארק סיטי סיטי-ברייטע אימוניזאציע רעגיסטראטור (Citywide Immunization Registry, CIR) איז א געהיימע קאמפּיוטער סיסטעם וואס ערלויבט פאר אויטאריזירטע באניצער צו צוקומען צו א מענטשן'ס אימוניזאציע רעקארדס. שטרענגע פעדעראלע און סטעיט געזעצן באשיצן די פּריוואטקייט פון אייער מעדיצינישע אינפארמאציע אין די סיסטעם. פאלגנד זענען עטליכע בענעפיטן פון זיך באטייליגן אין די CIR:

- אייער העלט קעיר פּראָווידער קען נוצן די CIR צו זיכער מאכן אז איר באקומט אלע נויטיגע אימוניזאציעס און אזוי אויך אנדערע רעקאמענדירטע מעדיצינישע באהאנדלונג.
- די CIR איז א פערמאנענטע און גרינג-צוגענגליכע רעקארד פון אייערע אימוניזאציעס.

באטייליגונג אין די CIR איז פרייוויליג פאר מענטשן פון 19 יאר און עלטער, און דערפאר וועט איר נישט איינגעשריבן ווערן חוץ אויב איר פילט אויס די צושטימונג בויגן. אויב איר ווילט זיך באטייליגן, לייענט ביטע פארזיכטיג דורך די סטעיטמענט אונטן און שרייבט אונטער אין די אנגעצייכנטע פלאץ. פאר נאך אינפארמאציע איבער די צושטימונג, רופט ביטע 347-396-2400.

**דעקלעראציע פון צושטימונג**

איך גיב מיין צושטימונג פאר ________________________________ (נאמען פון דאקטאר אדער ארגאניזאציע) צו ארויסגעבן אינפארמאציע איבער מיין אימוניזאציע(ס) און אידענטיטעט פאר די ניו יארק סיטי סיטי-ברייטע אימוניזאציע רעגיסטראטור (CIR). איך פארשטיי אז די צוועק פון די CIR איז מיר צו ארויסהעלפן מיט מיין מעדיצינישע קעיר און צו רעקארדירן די אימוניזאציעס וואס איך האב שוין באקומען אדער וואס איך וועל באקומען אין די צוקונפט. די אינפארמאציע איבער מיין אימוניזאציע(ס) וועט פּאטענציאל קענען גענוצט ווערן דורך די ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע פאר קוואליטעט פארבעסערונג צוועקן, פאר פארשונג איבער קראנקהייט פארשפּרייטונג און פאר צוועקן פון קאנטראלירן קראנקהייטן. אינפארמאציע וואס קען מיך פערזענליך אידענטיפיצירן וועט אויסגעמעקט ווערן פון אינפארמאציע וואס ווערט גענוצט פאר קוואליטעט פארבעסערונג אדער פארשונג צוועקן.

די אימוניזאציע אינפארמאציע אין די CIR קען ארויסגעגעבן ווערן צו די פאלגנדע מענטשן/קערפּערשאפטן: מיר אליין, מיין העלט אינשורענס פירמע, סטעיט און לאקאלע העלט דעפּארטמענטס, די סקול וואו איך בין רעגיסטרירט אלס שילער און אויטאריזירטע מעדיצינישע פּראָווידערס וואס פירן דורך מיין מעדיצינישע קעיר.

איך פארשטיי אז אויב איך מאך די באשלוס זיך נישט צו איינשרייבן אין די CIR וועט דאס נישט האבן קיין שום השפעה אויף מיין באהאנדלונג, באצאלונג אדער איינשרייבונג פאר בענעפיטן. די צושטימונג קען צוריקגעצויגן ווערן אין יעדע צייט דורכן נוצן די צוגעשטעלטע בויגן. אינפארמאציע איבער אימוניזאציעס וואס ווערט ערהאלטן דורך די CIR מיט מיין צושטימונג וועט בלייבן אין די CIR אויב איך מאך שפּעטער די באשלוס צו צוריקציהען מיין צושטימונג. צוקונפטיגע אימוניזאציעס וועלן אבער נישט רעקארדירט ווערן אין די CIR אויב איך ציה צוריק מיין צושטימונג.

| | |
|---|---|
| ______________________ | ______________________ |
| ארויסגעשריבענע נאמען | געבורט דאטום |
| ______________________ | ______________________ |
| אונטערשריפט | דאטום |



ConsentAbove19 October 2024
Yiddish